בעזרת השם יתברך

# גליון קדושת בית המדרש

בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קטן

שבת מברכים
אב
תשפ"ה

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון
ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק
הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

## בושות אינעם סינאגאגע

בעני איז אויפגעוואקסן אין די פריע ת"ש יארן, צו אן אמעריקאנע משפחה וואס איז ליידער געווען גאר ווייט פון אידישקייט, זיין זיידע האט מיט יארן פריער אלס יונג בחור'ל אימיגרירט קיין אמעריקע, ווען זיין פאמיליע אין אייראפע האבן זיך געריסן קריעה און פשוט געזעצט שבעה נאך אים, ס'טייטש געפארן צו די טריפה'נע אמעריקע וואו אפילו די שטיינער אין גאס זענען טריף?! ליידער זענען זיי געווען גערעכט, עס האט נישט לאנג גענומען ביז ער האט אלעס אפגעלאזט, דאס אידישקייט איז געבליבן איבער'ן וואסער. חתונה געהאט האט ער מיט אן אמעריקאניזירטע מיידל וואס האט געטראגן גאנץ א ענליכע געשיכטע, אינאיינעם האבן זיי אויפגעשטעלט א שטוב וואס אויסער דער פאקט זעלבסט אז מען איז אן איד, האט מען דארט גארנישט געוואוסט.

אין אזא אטמאספערע איז בעני דער אייניקל אויפגעוואקסן, פארמאגנדיג ממש זערא ידיעות איבער אידישקייט, אבער א אידישע נשמה האט ער פארט פארמאגט...

גאר אסאך פון זיין צייט האט ער געשפענדעט צו דערגרונטעווען וואס עס איז די שטימע אין אים וואס מאנט און לעכצט, עפעס איז ער נישט צופרידן מיט זיך, וואס פעלט אים דען? און אז מען זוכט - טרעפט מען, ער האט געצויגן די מסקנה אז זיין אידישע 'נשמה' איז דאס וואס מאנט פאר א העכערע פאזיציע

און בעני האט געטוען אלעס אין די וועלט דאס צו עררייכן.

ווען בעני האט צום ערשטן מאל געבעטן זיין טאטע, אז ער זאל אים נעמען צו א אידישע שול, האט אים זיין טאטע געווארפן אזעלכע שארפע בליקן, אזש עס האט געדויערט עטליכע יאר ביז בעני האט באוויזן צו נעמען די קוראזש און נאכאמאל בעטן מיט טרערן אין די אויגן, אז ער זאל זיין אזוי גוט און אים ברענגען צו די הויז ווי גא-ט וואוינט.

דעמאלטס, מיט אכציג יאר צוריק איז נאכנישט געווען קיין וועג וויאזוי ער זאל אליינס קענען אנקומען צו א בית המדרש, דעריבער האט ער אלס פינף-און-צוואנציג יעריגער בויטשיק נאך אלץ געדארפט זיין טאטנ'ס הילף, אויף אנצוקומען צום נענסטן שול, אין די פארווארפענע שטעטל אין פענסילוועניע וואו זיי האבן געוואוינט.

אסאך אסאך האבן זיך טאטע און זון גע'טענה'עט, ווען בעני שטעלט זיך ארויס צו זיין א ביטערער עקשן, פארביסן און אנטשלאסן, ער גייט נישט נאכלאזן. "נאך אלע מעשיות בין איך געבוירן אלס איד, און עס קומט מיר אזויפיל צו זען וואס דאס איז א סינאגאגע, און וויאזוי מען דאוונט צו גא-ט" האט בעני גע'טענה'עט מיט אייפער.

דזשעק, בעני'ס טאטע, זעענדיג ווי עס גייט זיין קינד אין לעבן, האט ער בלית ברירה מסכים געווען צו מאכן אן איינמאליגע באזוך אין א סינאגאגע ערגעצוואו אין פילאדעלפיע, האפנדיג אז מיט דעם וועט בעני זיך באגענוגן, און מאכן א ענדע צו זיינע קאפריזן.

אוןווירקליך יענעם שבת אינדערפרי, האבן זיך די אומוויסנדע פאטער און זון אריינגעזעצט אינעם פארצייטישן אויטא, און געמאכט דעם לאנגע רייזע קיין פילאדעלפיע, וואו עס האט זיך געפונען מיט פראכט די גרויסע מאדערן ארטאדאקס סינאגאגע 'נצח ישראל'.

• • •

בית המדרש נצח ישראל איז ארגינעל אוועקגעשטעלט געווארן דורך א הייפעלע אידן וואס האבן עמיגרירט פון די בלוטיגע אייראפע דורכאויס די שווערע יארן צווישן די צוויי וועלט מלחמות, אלע פון זיי יראים ושלמים. אבער אזוי ווי דאס ביטערע גורל פון רוב אידן אין אמעריקע אין יענע צייט, האבן זיך די דורות ליידער נישט געהאלטן, מאנסוויז זענען זיי געפאלן קרבנות צו די אמעריקאנע שוואוילטאג, אזוי אז זייערע אייניקלעך, די וואס זענען שוין געווען יעצט די זקנים אין שול, פלעגן טוען א גרויסע טובה און קומען יעדע וואך שבת צו די סינאגאגע, צו די וועכנטליכע "שבת מארנינג סערוויס". די גרעסטע טייל פון זיי, פארנדיג מיט'ן קאר ביז און פונעם סינאגאגע ה"י, אין באגלייטונג פון זייערע באליבטע הונט און קעץ.

דער 'רעביי' פונעם שול מר. לעווין, האט גענומען פאר א מיסיע זיכער צו מאכן מיט אלע כוחות אז דער סינאגאגע זאל ווייטער אנגיין, דעריבער האט ער אינוועסטירט גאר אסאך אז דער פלאץ זאל זיין איינגענעם און געשמאק פאר אלע מעמבערס.

אויך יענעם שבת האט מר. לעווין אנגעגרייט א רייכע פראגראם. ווען די מעמבערס פונעם סינאגאגע זענען אנגעקומען האט ער זיי סערווירט ווארעמע טיי און רעלאטיוו טייערע טשאקלעד, דער סינעגאגע חזן וואס איז געגאנגען אין א הוילן קאפ, האט אראפגעלייגט עטליכע קאמפאזיציעס, מישנדיג פון שטיקלעך נשמת צו, להבדיל, נאציאנאלע

אמעריקאנע פאלקס לידער.

צווישן אלע פארזאמלטע זענען אויך געווען בעני, אינאיינעם מיט זיין טאטע, וועמען דער רעבי האט צוגעוויזן א באקוועמע זיץ, ערעגץ אינעם האלב-ליידיגן היכל פון דעם פארשוועכטן בית ה'.

די צוויי זענען געזעצן באקוועם אויף זייערע ערטער, ווען בעני קען זיך נישט איבערקומען פון התרגשות, ענדליך האט ער דערגרייכט זיין לעבנס טרוים צו זיך געפונען אינעם הויז פון גא-ט...

אבער טראץ וואס עס איז געווען זיין ערשטן מאל זיך צו געפונען אין א בית המדרש (ווי צו אזא ביהמ"ד...) דאך האט עפעס ביי אים אין מוח נישט געשטימט די גאנצע צוגאנג פון די ארטיגע מעמבערס, די פראסטקייט וויאזוי מען האט זיך אויפגעפירט דארט האט אים זייער געבאדערט. אבער געטריי צו די ווארענונגען פון זיין פאטער האט ער אלעס געהאלטן ביי זיך אין געדאנק און אראפגעשלינגען.

ביז עס איז געקומען צו דעם מאמענט---

דער פרעזידענט פונעם סינאגאגע האט אויסגערופן אויפ'ן מייק אז ער בעט אנטשולדיגונג פון יעדן פאר'ן שטערן, אבער אזוי ווי יעדע וואך וועט מען פאר עטליכע מינוט זאגן די 'שבת פרעיער', און דערנאך וועט מען ממשיך זיין מיט די געשמאקע פראגראמען..

דער רעבי אויפ'ן ארט האט גענומען זיין סידור און אנגעהויבן פארזאגן די פסוקים פון קריאת שמע, מער-ווייניגער האט דער גאנצער ציבור מיטגעזאגט ווארט נאך ווארט. אויך בעני האט מיטגעזאגט די ווערטער פון א ענגלישע סידור מיט גרויס התרגשות, צום ערשטן מאל אין זיין לעבן וואס ער האט די זכיה צו רעדן צו גא-ט אליינס...

אבער מיטאמאל הערט א גערודער פון הונטער זיין פלאץ, בעני דרייט זיך ארום און ער זעט ווי אין די צייט וואס מערסטנס מעמבערס זאגן די 'פרעיער', זענען עטליכע אלטע לייט פארטוען אין א געשמאקע שמועס, מען לאכט און וויצלט זיך אויף הויכע טענער.

פאר בעני איז דאס בלוט ארויפגעקומען אין קאפ, ס'טייטשט אזא חוצפה! שטייען דא מענטשן און רעדן צו גא-ט אליינס און זיי שעמען זיך נישט צו אזוי ארום לאכן נאך הויך אויפן קול. מער האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און מיט באנומענע קולות האט ער גענומען שרייען "שעמטס ענק! אזוי פירט מען זיך אויף אין די הויז פון גא-ט?! אזוי פירט מען זיך אויף בשעת'ן רעדן צו גא-ט?! וואו איז ענקער שכל???"

א פלוצלונג'דיגע שטילקייט האט ארומגענומען דאס ארט, אבער נישט פאר צו לאנג.

פון אלע זייטן זענען די אלטע מעמבערס געקומען צו לויפן, "גיי ארויס פון דא! דו אומפארשעמטער יונג, ווער האט דיר געגעבן דעם רעכט צו אינוואדירן אונזער סינאגאגע, און נאך שרייען אויף אונזערע לאנגיעריגע מעמבערס וואס קומען דא יעדע וואך

בעני איז געבליבן שטיין אינעם פארקינג לאט און אפגעפאטשטער, אבער מיט א רואיגקייט אז ער האט געטוען די ריכטיגע שריט. סעקונדעס דערויף איז ערשינען זיין טאטע, ווען זיין גאנצע קערפער ווארפט זיך פאר כעס און בושות בײנאזאם:

זיך באטייליגן ביי די סערוויסעס!"

ביי דעם פונקט איז דער פרעזידענט אליינס געקומען צו גיין, ער האט אנגעכאפט בעני ביי זיין שניפסל און אים פשוט ארויסגעטראגן פון דארט ביז צו די גאס. "וואג דיך נישט צוריקצוקומען נאכאמאל אין די גאנצע שטח פונעם סינאגאגע, ווייל אז יא וועל איך רופן די פאליציי!!"

בעני איז געבליבן שטיין אינעם פארקינג לאט און אפגעפאטשטער, אבער מיט א רואיגקייט אז ער האט געטוען די ריכטיגע שריט. סעקונדעס דערויף איז ערשינען זיין טאטע, ווען זיין גאנצע קערפער ווארפט זיך פאר כעס און בושות ביינאזאם:

"בעני!! וואו איז דיין שכל?? אזעלכע בזיונות אנצומאכן, פאר דעם האסטו מיר משוגע געמאכט צו קומען אין א סינאגאגע, וואס איז מיט דיר? וואו טוה איך זיך אהין פאר בושות מיט אזא צודרייטן קינד?!" פון זיין מויל האט זיך געגאסן זידל ווערטער, די גאנצע וועג צוריק איז געווען געווייקט אין צארנדיגע פארוואורף, אזוי אז בעני האט געוואוסט אז די מעשה איז פערטיג, מער וועט ער אין קיין שול נישט קענען אריינטרעטן.

אזוי האט ער געמיינט.

• • •

אויפצומארגנס, זונטאג, איז אינעם וועכנטליכן אנגלא-אידישער צייטשריפט וואס פלעגט ערשיינען אין פענסילווע'ניע 'דער אמעריקען-אידיש אויסבליק', ערשינען מיט א שרייעדיגע קעפל 'יונגער וואנדאל וועלכער האט אטאקירט באטייליגטע אינעם נצח ישראל סינאגאגע שבת סערוויסעס, איז אידענטיפיצירט געווארן אלס בעני דזשאנסאן פון די פילאדעלפיע פאר-שטעטל'. דערונטער איז געווען א ברייטע שילדערונג איבער די גאנצע געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט דארט, באגלייט מיט אונטערוויוס פון די מעמבערס אויף וועמען בעני האט געשריגן, ווי אויך מיט דעם רעבי און מיט'ן פרעזידענט וואס האט העלדיש פארשיקט דעם בעני...

"איך שרייב דיר ארויס פון די ירושה!" האט דער טאטע געשריגן אויף בעני מיט באנומענע קולות האלטנדיג דעם 'אויסבליק' אין דער האנט, "ווי איז מיר אז איך האב געבוירן אזא זון"...

• • •

עטליכע הונדערט מייל פון דארט איז געזעצן 'סארא סטיין', און געליינט דעם אומגעווענליכע נייעס באריכט אינעם אויסבליק, ווען מיטאמאל רופט זי זיך אן צו איר פאטער, "פאפא, גענוי דאס איז וואס איך זוך! קוק ווי גא-ט האט צוגעשיקט מיין ישועה"

פאמיליע סטיין איז אויך געווען פון די וואס זענען אויפגעהאדעוועט געווארן אונטערן רושם פון צווייטע און דריטע דורות אידישע אימיגראנטן, און ליידער גאנץ ווייניג געוואוסט פון אידישקייט צו זאגן. אבער אין די לעצטערע יארן האט סארא, די ערוואקסענע מיידל אין שטוב, אנגעהויבן מאכן שטארקע פארשריט צוריקצוקומען צום שורש, און באוויזן מיטצושלעפן די גאנצע פאמיליע.

צוליב די אומשטענדן און די אייגנארטיגע סטאטוס פון דעם פאמיליע, איז זייער שווער געגאנגען צו טרעפן א שידוך פאר סארא, אדער 'שרה' ווי זי האט זיך שוין דאן אנגעהויבן רופן, נאך וואס זי האט געוואלט דוקא א מאן וואס וועט פירן א פשרה'לאזע אידישע שטוב.

און דאס איז געווען וואס האט איר געכאפט, ליינענדיג דעם ארטיקל אין דער אויסבליק.

נאך יענע וואך איז פארגעקומען די פייערליכע שידוך שליסן צווישן די צוויי פאמיליעס, וועלכע האבן עווענטועל זיך געצויגן קיין ניו יארק, וואו זיי האבן אויפגעשטעלט א ערליכע משפחה יראים ושלמים בני תורה. ר' בנימין (בעני) פלעגט אלעמאל תולה זיין די סייעתא דשמיא פון זיין שידוך, אין זכות פון דעם וואס ער האט זיך אנגענומען פאר'ן באשעפערס כבוד ווען עס איז פארשוועכט געווארן אין א בית המדרש.

די ריינע תמימות'דיגע געשריי, וואס איז געקומען פון א אמת'ע רצון צו האלטן דעם כבוד פון א בית המדרש, האט געראטעוועט אים און זיינע דורות!

צו באקומען דעם גליון פאר
אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער
אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבן ווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון
מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!